# זייער ערשטע לאַגערן־נסיעה

## אָקטאָבער, 2008

אוי! איר פּיסעלע איז פֿאַרשוווּנדען געוואָרן אין אַ קליין שטח בלאָטע בײַם ברעג אָזעראַ. "בלײַב שטיל!" האָב איך געשריגן, "איך קום!" פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט מיך געהערט ווי דעם קאָטער, האָט זי תּיכּף אַרויסגעצויגן דאָס פּיסעלע – אין בלויזן זעקל, אָן שיכעלע, וואָס בלײַבט באַגראָבן אין דער בלאָטע. איר שוועסטער, צײַטנווײַז אַ העלדישערע, איז דאָס מאָל געווען אַן אָפּגעהיטע.

אָבער אַ נס, ווי זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס פּיסעלע, איז דאָס ווײַסע זעקל געבליבן אַ ווײַסע, גאַנץ ריין, אָן שום בלאָטע. פּונקט אַזוי אינעווייניק אינעם שיכעלע, ווען איך האָב עס אָפּגעהיט אַרויסגעצויגן פֿון בלאָטע. אויסנווייניק איז אַן אַנדערע מעשׂה, האָב איך גיך די בלאָטע אָפּגעוואַשט אין אָזערע.

זי איז דאָס עלטערע אייניקל, רבֿקהלע הייסט זי, אַלט פֿינף יאָר מיט אַ מיטוואָך. זי מיט דער שוועסטער, עמע, ייִנגער מיט צוויי יאָר, זײַנען געגאַנגען אויף זייער ערשטער לאַגערן־נסיעה[1], מיט זייער מאַמע, די טאָכטער מײַנע, און מיט אַ פֿאָרפֿאָלק פֿרײַנד מיט צוויי ייִנגלעך אויך. מיר האָבן זיך אַלע געטראָפֿן שבת אין דער פֿרי, אינעם אָנגעפּאַקטן פּאַרקירפּלאַץ בײַם אָנהייב סטעשקע, אַלצדינג אָנגעשטאָפּט אין די פּעקלעך, די וואַסער־פֿלעשער גיפֿילט און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. די סטעשקע, אַ פּאָפּולערע, איז געווען אַ ברייטע און בולטע אָבער דאָ און דאָרט איז געווען אַ רעדל שטיינער אָדער אַ פּלאָנטער מיט וואָרצלען, וואָס פֿאַר די קינדער זײַנען ערנסטע מניעות. פֿון גאַס ביז דער הײַזקע איז ניט צוויי מײַלן, וואָס גייט באַרג־אַרויף אָבער ביסלעכווײַז, אין ערגעץ ניט זייער שטאָציק.

קוים וואָס צו דערציילן – ניט קיין אַוואַנטורעס, גאָט צו דאַנקען, נאָר אַ שיינער שפּאַציר אין די ביימער, אַ קילער טאָג, די זון פֿינקלענדיק דורך די בלעטער, וואָס זיי זײַנען איצט – אין מיטן אָקטאָבער – אַ וועלט פֿון פֿאַרבן. ס'איז געווען די צײַט פֿון די בלאַטקוקערס. פּאַמעלעך זײַנען מיר געגאַנגען, יעדער אָרט מיט אַ אויסבליק אָדער מיט ווו זיך אַוועקצוזעצן איז דווקא אַ סיבה געווען זיך אָפּצושטעלן, אַ קוק צו טאָן, צו עסן אַ ביסל גאָרפּ[2].

די מיידלעך האָבן די אייגענע פּעקלעך געטראָגן, מיט זייערע קאָצעלעך, פּײַפֿלעך (חלילה זאָלן זיי פֿאַרלוירן ווערן), און זייערע קאָפּן־טיכלעך. ניט שווער, נאָר עמע איז אַ קליינינקע, קוים גרעסער ווי איר פּעקל. אַז זי גייט פֿאָרויס, זעט מען פֿון הינטן די געלע האָר אויבן און צוויי פּיסלעך פֿון די קניען אַראָפּ אונטן.

נאָך אַ צוויי שעה אַזאַ אײַנגענעמען גיין זײַנען מיר אָנגעקומען בײַ דער שוך־פֿרעסנדיקער בלאָטע אויפֿן ברעג אָזערע. איבער דער אָזערע האָט מען געקענט זען די הײַזקע, וואָס שטייט אַ ביסל אַרויף פֿונעם וואַסער[3]. אַ האַלבע שעה שפּעטער זײַנען מיר דאָרט אָנגעקומען, זיך פֿאַרשריבן, און אָנגעטאָן אין וואַרעמע קליידער.

די הײַזקע איז אין דער אמתן געווען פֿיר הײַזקעס. דער הויפּט־בנין, מיטן ביוראָ ווו מע פֿאַרשרײַבט זיך, האָט אויך געהאַט די קיך און אַ גרויסן צימער מיט די עס־טישן. נאָך אַ קליינער בנין מיט וואַשטיש און קלאָזעטן. און צוויי אינטערנאַטן, מיט באַנקבעטלעך אין עטלעכע שלאָף־צימערלעך. אין אונדזער צימערל זײַנען געווען נאָך צוויי פֿרעמדע מענטשן, חבֿרישע, אַחוץ צײַטמאָליק באָמבען וועגן "אינעווייניקסטע קולער" אַז די מיידלעך זײַנען אַ ביסל אויפֿגעהײַטערט געוואָרן.

איידער מיר זאָלן גיין עסן וואַרמעס זײַנען די מיידלעך אַרומגעלאָפֿן, זאַמלנדיק שישקעס פֿון אונטער די ביימער. די זון איז אַראָפּגעגאַנגען הינטער די בערג הינטער די הײַזקע און ס'איז גיך קאַלט געוואָרן. מיר זײַנען אַרײַן אין עס־צימער, לייענען, שפּילן אין קאָרטן, צייכענען מיט קרײַדלעך. און דאָס זעלביקע נאָכן וואַרמעס, ווייניקסטענס אויף אַ קליינע ווײַלע. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זײַנען אַלע בנעימות מיד געווען און האָבן זיך פֿרי אַוועקגעלייגט שלאָפֿן.

אַ שטילע נאַכט (לאָמיר ניט רעדן פֿונעם כראָפּען פֿון די צוויי פֿרעמדע מענטשן), אַחוץ דעם שטילן קול דרײַ אַ זייגער אין דער פֿרי, רבֿקהלע: "איך וויל אַהיים גיין." דערנאָך, די מאַמע: "שאַ, שאַ, שלאָף. מאָרגן וועלן מיר גיין אַהיים, ערשט זאָל זײַן

---

1 אַחוץ איין נאַכט פֿאַרבראַכט אין אַ געצעלט הינטערן הויז.

2 גאָרפּ: מע זאָגט אַז דאָס איז אַ נאָמען נאָך "good old raisins and peanuts", אָבער דאָס איז אַ ליגן, עפּעס שפּעטער אויסגעטראַכט. איך מיין אַז ס'איז פּשוט אַן אויסגעטאַכט וואָרט (פֿון תּלמידים אין M.I.T.). אָריגינעל איז דאָס געווען גלײַכע חלקים ראָזשינקעס, פּיסטאַשקעס, און ברעכלעך שאָקאָלאַד. פֿאַרבײַט וואָס איר ווילט...

3 די הײַזקע האָט געהייסן עלנט־אָזערע־הײַזקע, אַ נאָמען נאָך אָט דער אָזעראַ; זי איז איינע פֿון די נײַן אַזוינע געפֿירט דורכן אַפּאַלאַטשין־בערג־קלוב אין ניו־האַמפּשיר.

טאָגליכט.״

אין דער פֿרי האָבן מיר זיך אויפֿגעכאַפּט און גיך אָנגעטאָן – ס'איז טאַקע קאַלט געוואָרן – אויסגעוואַשט (בלויז קאַלט וואַסער אַוודאי) דאָס שלאָף פֿונעם פּנים, און אַרײַן מיט די אַנדערע בײַ צײַטנס צו עסן פֿרישטיק. מיטן פֿרישטיק אין די אָ הײַזקעס מוז מען סובֿל זײַן וואָס מע רופֿט אַ לאַכערײַקע, אָנגעפֿירט דורך די יונגע לײַט וואָס פֿירן די הײַזקע (״da croo״, אין זייער זשאַרגאָן). עפּעס קאָמיש, זאָל זײַן. אַלאַ מאָל זײַנען דאָ דרײַ טיילן, דרײַ מוסר־השׂכּלען: ״אַרײַנטראָגן, אַרויסטראָגן", ד"ה, מע דאַרף אַרויסטראָגן דאָס אייגענע מיסט; ווי אַזוי מע מוז פֿאַרבעטן די געלעגערס – אַלע אַנדערע אופֿנים זײַנען גאָר טרייפֿע; דאָס לעצטע נאָר דאָס וויכטיקסטע איז, דווקא, אַ דערמאָנונג וועגן דער טרינקגעלט־פּושקע (אַ ביסל פֿאַרקויפֿלעך, דאַכט זיך מיר). קלאָר איז זיך, וואָס איך אַליין האָב די דאָזיקע פּיעסעלעך פֿײַנד, אָבער דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשׂה און איך האָב געשוויגן; די קינדער איז דאָס אַלץ געווען זייער קאָמיש.

נאָכן פֿרישטיק האָבן מיר דאָס האָב־און־גוטס אײַנגעפּאַקט און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. איידער דאָס גיין אַראָפּ, זײַנען מיר אַרומגעגאַנגען אַרום דער אָזערע, ביז מיר קומען אָן בײַ דער בלאָטע־פּאַסטקע (בשלום אויסגעמיטן דאָס מאָל). פֿון דאָרטן איז דער וועג אַראָפּ דאָס זעלבע ווי בײַם אַרויפֿקום – מסתּמא האָבן מיר זיך אַפֿילו אָפּגערוט אויף די זעלביקע שטיינער און געפֿאַלענע ביימער ווי פֿריִער. אין אַ צוויי־דרײַ שעה זײַנען מיר צוריק אינעם טומלדיקן לאַגערפּלאַץ לעבן שטראָז, בײַ צײַטנס פֿאַרן עסן לאָנטש בײַם אײנעם אַ פּיקניקטיש..

****



די בלאָטע־פּאַסטקע



עמע מיטן פּעקל



וואַרטן אויף וואַרמעס



רבֿקהלע (מיט דער מאַמענס פּאַק)

======================

דרוקרעכט Copyright © 2009 Barry Goldstein בעריש גאָלדשטיין
06/17/09 06:17 AM
LonesomeLake.odt